**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/31/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקולנעפנט האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס פראגראם צו גיבן דין קדימה פאר 650 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וועלכע די סטעיט האט שיקול הדעת זיי צו פארטיילן פאר לאקאלע רעגירונגען וועלכע זענען פארפליכטעט צו האוזינג וואוקס

***קוואליפיצירנדע לאקאלע רעגירונגען מיט סערטיפיקאציע אלץ האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי וועלן באקומען דין קדימה ביים גענומען ווערן אין באטראכט פאר הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג און האוזינג פראגראמען***

***חלק פון גאווערנער'ס רייע עקזעקיוטיוו שריט צו שטופן פאר האוזינג וואוקס אריבער ניו יארק סטעיט***

***אפליקאציע און פראגראם וועבזייטל בלאט זענען פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול איז היינט ארויסגעקומען מיט דעם האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס פראגראם (Pro-Housing Communities Program), א סטעיט-ברייטע אינציאטיוו צו גיבן דין קדימה ביים גענומען ווערן אין באטראכט פאר 650 מיליאן דאלאר אין געלטער וואס די סטעיט רעגירונג קען נוצן איר אייגענע שיקול הדעת ביים באשלוסן פאר וועם עס צו גיבן — פאר אזעלכע לאקאלע רעגירונגען וואס זענען איבערגעגעבן צו האוזינג וואוקס. דער פראגראם, אנאנסירט דורך גאווערנער האקול פריער דעם זומער אלץ א חלק פון א רייע עקזעקיוטיוו שריט צו שטופן פאר האוזינג וואוקס, לאדנט איין לאקאלע רעגירונגען (סיטיס, טאונס און ווילעדזשעס) צו אפּלייען צו באקומען סערטיפיקאציע אלץ האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי. סערטיפייד האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס וועלן האבן דין קדימה איבער אנדערע לאקאלע רעגירונגען מיט זייערע אפליקאציעס פאר געוויסע געלטער פאר וועלכע די סטעיט קען זיך באנוצן מיט שיקול הדעת, ארייננרעכענענדיג 650 מיליאן דאלאר אין סטעיט גרענט פראגראמען ווי די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו וועלכע זענען ארייגערעכנט געווארן אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024. אפליקאציעס פאר דעם נייעם פראגראם זענען יעצט עפן.

"קאמיוניטיס וועלכע זענען וויליג אונז צו העלפן שליכטן די האוזינג קריזיס דארפן זיין די ערשטע אין די שורה צו באקומען געלטער איבער וועלכע די סטעיט האט שיקול הדעת", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פארמערן די האוזינג סופליי אין ניו יארק איז קריטיש, און איך באנוץ זיך מיט יעדע כלי וואס שטייט א גאווערנער צום האנט כדי צו האבן א ווירקונג. איך קוק ארויס צו באזוכן האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס אריבער ניו יארק צו פייערן זייערע עררייכונגען אין די קומענדיגע חודשים."

כדי צו דעזיגנירט ווערן אלץ א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי דארפן לאקאלע רעגירונגען איבערגעבן הויפט אינפארמאציע איבער זייער לאקאלע זאָונינג מאפע/קאוד און אינפארמאציע דעטאלירנדיג לאקאלע האוזינג פערמיט באשטעטיגונגען איבער די פארגאנגענע פינף יאר.

לאקאלע רעגירונגען וועלכע גיבן אריין דאקומענטן וווייזנדיג אז זייער האוזינג מארקעט איז געוואקסן מיט איין פראצענט אין די פארגאנגענע יאר אדער מיט 3 פראצענט אין די פארגאנגענע דריי יאר (אין דאַונסטעיט) אדער מיט 0.33 פראצענט אין די פארגאנגענע יאר אדער 1 פראצענט אין די פארגאנגענע דריי יאר (אין אפסטעיט) וועלן זיין קוואליפיצירט פאר די סערטיפיקאציע. קאמיוניטיס וועלכע האבן נאכנישט געזעהן האוזינג וואוקס קענען אויך דעזיגינירט ווערן אלץ א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי דורכן אריבערפירן א רעזאלוציע באהויפטנדיג זייער איבערגעגעבנקייט צו האוזינג-שטיצנדע פרינציפן.

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון האוזינג ענד קאמיוניטי רינוּעל וועט איבערקוקן פראגראם אפליקאציעס אויף אן אנגייענדע באזיס און גיבן באשטעטיגונג אדער צוריקווייזונג ביז 90 טעג פון ווען זיי ווערן אריינגעגעבן. די וועלכע באקומען סערטיפיקאציע מוזן נאכאמאל אריינגעבן זייערע האוזינג פערמיט אינפארמאציע און סיי וועלכע ענדערונגען צו זייער זאונינג אויף א יערליכן פארנעם כדי צו בלייבן סערטיפייד און צו זיין קוואליפיצירט פאר דין קדימה.

סערטיפייד האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס וועלן די ערשטע גענומען ווערן אין באטראכט צווישן לאקאלע רעגירונגען וואס אפלייען פאר:

- די [שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו](#) (Downtown Revitalization Initiative, DRI)
- דער [NY Forward (ניו יארק אויף פאראויס) פראגראם](#)
- די [ראיאנישע קאונסיל אינוועסטירונג געלטער קאסע (Regional Council Capital Fund)](#)
- אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן פון דעם [מארקעט ניו יארק פראגראם](#)
- די [ניו יארק מעין סטריט פראגראם](#)
- די [לאנג איילענד אינוועסטירונג קאסע](#) (Long Island Investment Fund, LIIF)
- די [מיד-האדסאן שוואונג קאסע (Mid-Hudson Momentum Fund)](#)
- דער [פובליק טראנספארטאציע מאדערניזירונג פארבעסערונג פראגראם](#) (Modernization Enhancement Program, MEP).
- סיי וועלכע אנדערע פינאנצירונג וואו די צוקונפטיגע נוסח דעזיגנירט דאס אלץ א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי פראגראם.

דער האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס פראגראם בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס דייטליכע חזון צו פארגעסערן די האוזינג סופליי און אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס. די גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו שריט האבן אויך אריינגערעכנט:

- א פראגראם צו פאראויס רוקן פריוואטע וואוינונג פראיעקטן אפגעהאלטן דורך די אויסלויפונג פון 421-A וואס רעכנט אריין אפאַרדעבעל הייזער אין די גאוואנוס געגנט אין ברוקלין
- א נייע פאדערונג אז אלע סטעיט קערפערשאפטן זאלן אידענטיפיצירן די פאטענציאל פון זייערע לענדער וואס זענען אין סטעיט אייגנטום כדי צו שטיצן האוזינג.
- לעצטיגע און בעפארשטייענדע רעגולאטארישע איניציאטיוון צו אידענטיפיצירן געלעגנהייטן פאר מער געשליפנקייט ביים שטופן פאר האוזינג וואוקס.
- די עפענונג פון די 'בעיטא' ווערסיע פון א נייע אינטעראקטיווע פארטאל צו זאמלען און מיטטיילן האוזינג און זאונינג אינפארמאציע אויף די שטאפל פון קאמיוניטי אויף אן אנגייענדע באזיס.

פאר מער אינפארמאציע איבער די גאווערנער'ס האוזינג אגענדע, אריינרעכנענדיג לעצטיגע עקזעקיוטיוו שריט ווי דער האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס פראגראם, באזוכט די גאווערנער'ס וועבזייטל.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418